**מיומנו של הרה"ח הרה"ת ר' אלי' ארי' לייב גראס ז"ל**

**יו"ד שבט, ש"ק פ' בא ה'תש"י**

היינט האט דער וועלט פארלארן דער מנהיג הדור, אכט אזייגער שבת פרי, דער נשמה הקדושה של כבוד קדושת אדונינו מורינו ורבינו זכר צדיק לברכה לחיי העולם הבא.

דעם שבת האב איך צוגעגרייט א דרשה וואס איך האב געדארפט זאגן אין שוהל פון תלמוד תורה, אויף דער בר מצוה פון מיינע א תלמיד בשם מענדל ריינער. איך בין ארויסגעגאנגען פון שטוב שבת פרי צען צו אכט. זייענדיק אביסעל פרי טראכט איך אז מ'זאל אריינגעהן אין ישיבה. גייענדיק אריבער איסטערן פארקוויי זע איך ווי ר' יוחנן גארדאן נ"י שטייט אינדרויסען פון דעם טיר פון ישיבה אין קאפאטע און גארטעל. עס איז ניט געווען קיין צו ווארמער טאג און איך האב געוואונדערט אויף דער הנהגה. קומענדיק נענטער צום טיר רופט ער מיר און זאגט אז איך מיט א צווייטער זאל דא שטיין אף זיין ארט און אריינרופען די "פאליציי" מיט "אקסידזען", ווייל דער רבי איז פלוצלונג געווארן שטארק קראנק און מ'דארף האבן אקסידזען. זאגענדיק דאס צו מיר זעהן מיר ווי עס קומט אן די פאליציי קאר מיט א רויטע ליכט און דער "סייראן" בלאזט.

זיי האבן באלד ארויפגעפירט דער "טאנק" פון "אקסידזען" און א צווייטער קאר איז אנגעקומען מיט נאך צוויי קליינער טאנק'ס, און א גרויסע "אמבולאנס" קומט מיט נאך א גרויסע טאנק.

ר' יוחנן איז געלאפען נאך דר. שווארץ וואס וואוינט אין נעקסטען הויז. הרה"ח דר. זעליגסאהן איז שוין געווען ביים רבי זינט 8 אזייגער און האט געזעהן דער



יציאת נשמת קדשו - וואס איז געווען א פאר מינוט נאך זיין אריינגייען אין צימער. איך בין געלאפען רופען דר. נעס. דער פאליציי האבן געארבייט אויפ'ן רבי א האלבע שעה נאכ'ן הסתלקות.

די פיהר רוסישע בחורים[3] וואס זיינען ניט לאנג צוריק געקומען און איך און ר' אברהם פרענקעל (ברודער פון בנציון) האבן געזאגט תהלים מיט אונזערע גאנצער כוחות, דוד ראסקין האט ביי אים גערונען טרערן. ר' שמואל לעויטין און ר' יוחנן גארדאן זיינען ארונטער און אונז געזאגט צו זאגן תהלים. מיר זיינען געשטאנען אונטען ביים טיר האפען צו הערען א ידיעה טובה. מיט אמאהל עפענט זאך די טיר פון "עליווייטאר" און אלע פאליציי קומען ארויס מיט זייער טאנק'ס. זיענדיק די איינציגער דארט וואס האט גערעדט ענגליש האב איך געפרעגט איינער פון זיי מיט די גרויסע טאנק'ס וואס איז די נייעס? האט ער אויף מיר א קוק געטאן און געזאגט איין ווארט – ניטא!

האב איך איהם נאכאמאל געפרעגט, אבער דעם מאהל האט ער מיר בכלל ניט געענטפערט. איך האב געזען די רוסישע בחורים, און עס איז ניט געווען צו גלויבען. פלוצלונג דעהערען מיר א גרויסע געוויין, ר' יוחנן איז ארונטער וויינענדיק זאגט אונז אז "יעצט קענט איר שוין זאגן יענעם תהלים". וויבאלד מיר האבן דאס געהערט זיינען מיר געבליבען שטום, און געזאגט נאך א פאר קאפיטלעך, אוועקגעלייגט אונזער תהלים און געגאנגען אין מקוה. ר' שמואל איז געקומען און געבעטען ר' יוחנן צו צודעקן דעם רבי'ן.

היילען זיך זיינען מיר צוריק געקומען און ווייטער געזאגט תהלים. אויבען ביים רבי'ן האבען מיר באמערקט די בני המשפחה וויינענדיק מיט ביטערע טרערן, און רש"ג און

[3]) התמימים: שלום מרזוב, דובער יוניק, גדלי' קארף ויצחק פעווזנער שלמדו ע"ע בפאריז, ובאו ללמוד בחצרות קודש כ"ק אדמו"ר מוהריי"ץ.

רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] האבן קאם קאם זיך איינגעהאלטען. דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] האט אונז געפרעגט אויב מיר זיינען געווען אין מקוה. הערענדיק אז יע, האט ער אונז צוגעלאזט צו זאגן תהלים. ביסלעכווייז זיינען חסידים ארויפגעקומען אריינגעקוקט אין חדר של הרבי און ארויס מיט טיפער הארצליכע געוויין, ווייל יעדער האט געפילט אז זיין טאטע איז פארלארן. אנדערע חסידים האבן געוויינט ביי זיך בקול רם. הרה"ח ר' זלמן גוראריי איז ארויפגעקומען און אריינגעקוקט מיט איין געוויין נאך דער אנדערער, און נאך אריינקוקענדיק האט ער אנגעפאנגען שרייען און זיך אוועקגעזעצט אין דעם "קארידאר" פון הויז. איז רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] אריבער צו איהם האט ר' זלמן געחלש'ט און איז געפאלען פון באנק. דר. זעליגסאהן האט איהם אויפגעמינטערדט און ר' זלמן איז שטיליגערהייט אריינגעגאנגען זאגן תהלים.

התי' דוד ראסקין איז געשטאנען ביים טיר פון רבי'ן און עס האט זיך געגאסען קוואלען טרערען. יעדער מאל מיר האבן געקוקט אויף דעם בעט וואו דער רבי איז געווען האבן מיר געטראכט וועגן די צייטען מיר האבן געזעהן דער רבי בחייו.

אזוי האבן מיר געזאגט תהלים מיט א מנין און אונטען האט א מנין געדאווענט שחרית. היינט זייענדיק דעם רבינ'ס באבעס יאהרצייט, האט דער רבי פרייטאג נאכט געבעטען אז מיר זאלען דאווענען אויבען, אבער איצטער בבית האבל איז פטור ממצות.

מיר האבן געזאגט תהלים צוזאמען מיט דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] און רש"ג. רש"ג האט געזאגט תהלים אין דעם חדר פון רבי'ן. מיר האבן געדאווענט מנחה און ווייטער געזאגט תהלים.

רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] איז אריבער צום טיר פון רבינ'ס חדר און איז דארט געשטאנען און געקוקט א לאנגע



ווייל אויף דער מטה האדמו"ר. ער האט געפרעגט טעלעשעווסקי אויב ער באמערקט אז דער ליילעך מופט. האט ר' מרדכי טעלעשעווסקי זיך שטארק געקוקט און געזאגט "יע, אפשר איז דאס פון דער ווינט". איז דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] צוגעגאנגען צום פענסטער און עס פארמאכט. ער האט געבעטען רופען דר. נעס און איהם געזאגט וואס איז געווען.ביידע זיינען אריין און דר נעס האט א זאג געטאן "אלץ איז מעגליך". א פאר מינוט שפעטער זיינען זיי ביידע ארויס אן קייןווארט.

ביז מעריב האט זעך אנגעזאמעלט א גרויסע עולם, רוב ליובאוויטשער, און ר' ישראל דשייקאבסאהן נ"י האט געדאווענט מעריב בבכיות (א וואך פריער האט ער פארלארען זיין מוטער). נאך מעריב האט מען אנגעפאנגען רופן טעלעפאניש חסידים אין אלע שטעט, צו קומען צום לוי' וואס וועט זיין זונטאג 12 אזייגער. צו ביסלעך זיינען חסידים וואס וואוינען ווייט געקומען. הרב ריבקין אריינגייענדיק אין ישיבה און הערענדיק די ביטערע נייעס האט געשריען מיט א געשריי וואס האט דורכגענומען יעדערע.

נאך שבת האט מען אריינגעטראגען דער רבי אין זיין חדר וואו ער איז שטענדיק געזעסען, אוועקגעלייגט מיט זיין שבת'דעקער קאפאטע אלץ דעק אויף דעם ליילעך און אנגעצונדען פינף ליכט ביים ראש. מיר זיינען אריין אין חדר זאגען תהלים, און מען איז געשטאנען אין אנדערע חדר. הרמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] האט געבעטען אז נאר די וואס זיינען געווען אין מקוה זאל מען ארייינלאזען, און טאקע אידן וואס האבן געוואלט אריין און מען האט ניט געלאזט, האבען געמאכט א טומעל. אזוי האב איך געזאגט תהלים ביז 3 אזייגער.

**זונטאג, יום י"א שבט ה'תש"י**

אינדערפרי צום דאווענען נאכ'ן מקוה זיינען שוין געווען חסידים פון איבער דער גאנצער לאנד, און יעדער מיט א לאנגע פנים. שוין האלב נאך צעהן האט אנגעפאנגען זאמלען מענשען ארום דער הויז פון רבי'ן. מען איז אריינגעגאנגען צום טהרה. מיר האבן פון דערויסען געהערט די חסידים וויינען בעת הטהרה. אינערווייניג האט מען געווארפען גורל אויף וועלכע חסיד איז זוכה צו וועלכער טייל פון גוף קדשו. פון דער אויסערהעמד און אונטער העמד האט יעדער גענומען א שטיקל. ר' ישראל דשייקאבסאהן האט געכאפט דער אונטערשטער יארמולקע פון רבי'ן און ר' שמואל לויטין דער אויסער גרויסע יארמולקע.

נאך די טהרה האט מען געבעטן אלע אריינגייען מוקף זיין דעם ארון און בעטן מחילה, (א גרויסע עולם איז אריין). אין דרויסען איז שוין געווען בערך פון 15 ביז 20 טויזענט אידן, רביים מיט זייער חסידים, אידישע אידן און וועלט אידן פון אלע קלאסען.

האלב נאך 12 האט מען ארויסגעבראכט דעם ארון פון טיר און אלע האבען געוויינט. איבער דער ארון אנטשטאט א שווארצע דעק, איז געווען ארויסגעשפרייט דעם רבינ'ס שבת'דיקער קאפאטע. טראגענדיק דעם ארון האבן אלע מלוה געווען און יעדערע האט געוואלט אנרירען און העלפען טראגען דעם צדיק. די פאליציי האבען ניט געקענט באהאנדלען אזא שטופעריי און גארניט געקענט טאן וועגן דעם. מען האט געטראגען דעם ארון ביז צווישען ברוקלין עוו. און ניו יארק עוו., מען האט געוואלט דאס טראגען ביז דער ישיבה אויף בעדפארד עוו. אבער מען האט ניט געקענט צוליב דעם בלתי סדר, ובמילא האט מען דאס אריינגעלייגט אין א וואגן און דאס געפירדט צו ישיבה. נאך דער וואגען איז געפאָרען דעם רביצינ'ס קאר און דערנאך חשוב'ע חסידים.



עס איז שוין געווען א מאסן אידן דארט אויף בעדפארד עוו. און מען איז געשטאנען אויף די דאכער פון די הייזער אויף כאפען א לעצטען בליק פון רבי'ן.

מיר זיינען אנגעקומען אין בית עולם דורך א קורצער וועג, פאר דער ארון, וואס מען האט דורכגעפירט דורך דעם גאנצען בית עולם. אלע רביים פון גאנץ שטאט האבען מלוה געווען, און איך האב געזען ווי דער "אמשענערזווער רבי" חלש'ט ביים מקום הקבורה. בשעת מיר זיינען אנגעקומען איז שוין געווען אלץ גרייט. איך האב באמערקט דעם קבר אונטען בייביידע צדדים פון ליינג זיינען געווען צוויי ברעטער פון דעם טיש אויף וואס די ישיבה בחורים לערנען, און צום סוף און אנהויב פון די טיש ברעטער זיינען געווען שטיקלאך האלץ פון רבינ'ס עמוד, און נאענט צום ברעט פון קאפ איז געווען א זעקעל זאמד.

מיר זיינען אפגעשטאנען דארט א האלבע שעה ביז וואנען דער ארון איז אנגעקומען. בשעת דער אנקומען איז שוין געווען ארום דער קבר זייער א גרויסע עולם. דער בנציון [סקאליק], וואס האט אינדערפרי צוגעגרייט דער קבר, האט געזען דעם ארון און אוועקגעשטופט אלע און געמאכט ארט. די דעקעל פון ארון איז שוין געווען אראפ. ר' בנציון און נחום ליפסקער[4] זיינען אראפ אין קבר, און איידער ארונטערלאזען דעם ארון האט דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] ארויסגערעדט א תנאי **"דאס איז אויף א תנאי אז אויב מיר וועלען גייען קיין ארץ ישראל אדער אן אנדער ארט, וועלען מיר ניט גייען אן איהר"**. (אין הלשון מדויק).

איך האב געזעהן דעם רבינ'ס טאכטער ווי זי האט געשריען און געוויינט. דאן האט מען ארונטערגעלאזט דעם ארון און אינערווייניק האבען ר' בנציון און ר' נחום ארויסגענומען דעם רבי'ן פון ארון און אוועקגעלייגט על מקומו הק', און פון אלעמען איז ארופגעגאנגען א געוויין פון טיפעניש פון אונזערע הארצען, עס איז ניט געשטאנען

---

4) להעיר שבספר "ימי בראשית" כתוב שהי' ר' אלי' נחום שקליאר.

קיין איין איד וואס האט זעך געקענט איינהאטען. דעם רביצין האט ארויסגעלאזט א ביטערע געוויין. א "נורס" האט איהר געגעבען עפעס א טרונק, און אזוי האט מען געווארט 10 מינוט. ר' בנציון האט גענומען דעם ארון און האט דאס צובראכען מיט זיינע הענט, און דאס אריינגעלייגט אין קבר מצד לצד פון די ברעטער וואס זיינען דארט פריער געשטאנען. אויף דעם האט מען געשאטען ערד, כמעט יעדער וואס איז געשטאנען דארט האט געשריבען א פדיון און עס געווארפען אויפן קבר. איידער דעם צודעקען מיט ערד האט הרמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] געזאגט הויך די אלע תפלות וואס מען דארף. ער האט זעך קאם קאם איינגעהאלטען פון וויינען, און דערנאך האבן דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] און רש"ג ביידער געזאגט קדיש. אלע חסידים האבען געריסען קריעה.

אלע האבען געווארט ביז וואנעט דער קבר איז געווען פארטיג, און דאן אהיים בשעה האלב נאך פיר, מיר זיינען צוריקגעקומען צו דאוונען מנחה. אלע זיינען אריין אין צימער פון דער אלטע רביצין און אנדערע אין רבינ'ס צימער און דארט אוועקגעזעצט אויפן פאל אין אבילות. אלע זיינען צובראכען.

מען האט אנגעפאנגען דאווענען מנחה. און אזוי וועט זיין פאר א יאהר. ערשט דער רש"ג דאווענט, און דערנאך דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ]. דער פראגע וואס שטעלט זעך אויס ביי יעדערע איז ווער וועט זיין ממלא מקום קדשו. איך האב געהערט שבת נאכט ווי הרב משה לייב ראטשיין רופט הרב אלי' סימפסאהן און פרעגט איהם אויב דער רבי האט איהם אמאל איבערגעגעבען א פארמאכטע "תיק", ער האט געענטפערט אז ניט.

אלע זיינען אוועק צו זייערע שטעט צובראכען, און אין דער בית המדרש נאך מעריב האבן צוזאמען געקליבען אין יעדער ווינקעל אסיפות און רעדען שטיל. איך האב געהערט ווי הרב פעלזמאן נ"י זאגט אז אויב מיר טראכטען עס איבער, האט יעדער איינער דא זיין ברכה פון רבי'ן צו



דער הצלחה אויף רבנות אדער "ביזנעס", און אלע דארפען דורכפיהרען איצטער וואס דער רבי האט געוואלט פון אונז.

אין אלע אידישע צייטונגען היינט איז געשטאנען דער טרויערדיקע נייעס פון דער הסתלקות אין גרויסע שווארצע ווערטער. עס ווייזט אויס אז מען קען ניט געפינען דער צוואה. היינט ביינאכט האט אנגעפאנגען א רעגען.

**יום ב', מאנטאג, י"ב שבט ה'תש"י**

סיי דער רש"ג און רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] האבן געוויינט בשעת התפלה. דער רש"ג ביים ווערטער י'ה'י' כבוד און דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] נ"י וואס אלעמאל האלט זיך איין האט שטארק געוויינט ביי מזמור שיר חנכת הבית.

אויפן דריטען טאג פון שבעה האט דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] געזאגט[5], אז אין גמ' שטייט "שלשה ימים לבכי", וויבאלד אז מען געדענקט אז נאך דריי טעג נאך דער הסתלקות פון רבינ'ס מוטער ז"ע האט דער רבי מספיד געווען דערציילענדיק ווערטער און סיפורים. האט דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] דערציילט וואס ער האט געהערט פון רבי'ן זצ"ל אין ריגא.

בשעת דער רבי איז געווען א תינוק אין יאר תרמ"ד איז ער געווען זייער א שיינער און אסאך מאל האט דער רבי'ס פאטער אים געוואלט קושען, אבער קיינמאל ניט איהם געקושט. איינמאל האט דער רבי נ"ע געלערענט חסידות מיט איינער פון די חסידים און דער רבי האט געוויינט. איז דער רבי נ"ע צוגעגאנגען איינצושטילען זיין געוויין. אין דער צייט האט דער רבי נ"ע געזאגט דער רבי עס האט איהם זייער שטארק געוואלט קושען ווייל זיין

5) נדפס בלקו"ש חלק ב' ע' 504 ואילך.

פנים איז געווען אויסערגעווינלעך ליכטיג, אבער ער האט זיך איינגעהאלטען. און מיט דער תשוקה וואס ער האט דאן געהאט האט ער געשריבען א מאמר. דער מאמר איז איינער פון די מאמרים וואס דער רבי נ"ע האט געגעבען דעם רבי'ן צום בר מצוה.

דערנאך האט דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] געזאגט, אז דער רבי האט ניט געקענט אריינגייען צום פאטער ווען ער האט געוואלט, און א סאך מאל איז געטארפען אז ווען דער רבי נ"ע פלעגט זעך אפרוען און האט פארויכעט א פאפיראס פלעגט ער דער רבי אריינרופען. דאס איז געווען פאר דער "טעלפאן", אבער ווען מען האט שוין געהאט א "טעלעפאן" האט דער רבי אריינגעשטעלט א שטיקעל שטריק[ט] און געווארט אז דער "ריסיווער" זאל שטענדיק זיין אראפ כדי צוצוהערן וואס גייט אן ביים פאטער אין צימער.

דער רבי פלעגט גלייכען א שטיפטאהן, און ער האט זיך ארויסגעלערנט דעם כת"י פון רבי'ן מהר"ש מיט א קולמוס. אמאהל האט דער רבי געשריבען א חסידות מיט דער כת"י פון מהר"ש און עס אריינגעלייגט אין ספר און האט פארגעסן וועגן דעם. א שטיק צייט איז אדורך און אמאהל האט דער רבי נ"ע איהם געזאגט אז ער האט געפונען א כת"י פון מהר"ש. ווען דער רבי האט געזען זיין כת"י, האט ער ניט געוואוסט וואס צוטאן. איז ער אוועק אין שטוב און זייער געוויינט און האט מיישב געווען ביי זיך אז ער מוז זאגען דער פאטער. איז ער אריין און געזאגט אין א טרערען און געבעטען א תיקון. זיין פאטרע האט אים אויסגעהערט און איינגעשטילט. דאס ווייזט אז צו 18 יאהר האט דער רבי געקענט שרייבען אזוי ווי מען האט געקענט מאכען א טעות אז דאס איז פון מהר"ש.

דער רבי נ"ע פלעגט שרייבען א סאך בירף צו די גדולים פון יענער צייט און עס האט פון איהם זייער פיהל

---

ט) שם ע' 506 "א שוועבעלע".



צייט אוועקגענומען, ביז וואנען ער האט געהייסען דעם רבי אויסלערנען זיין כתב און ער וועט איהם זאגען וואס צו שרייבען.

מאנטאג אוועט איז געווען דער ערשטער פון אסאך אסיפות פון אנ"ש. ר' שמואל נ"י [לויטין] האט געזאגט אז מיר וועלען זיך טרעפען אדער אין עוה"ב אדער בביאת המשיח. הרב מ.ל. ראדשטיין האט זייער געוויינט און געבעטען אז די "מעמד" פאר די רביצין זאל זיך אנהאלטען, און דערציילט ווי לעצטער פרייטאג האט דער רבי איהם גערופען וועגן א בריף אויב מ'זאל שרייבען "מר" אדער "התלמיד", ווייל אפשר האט דער איד געלערנט אין א ישיבה און וועט פילען שלעכט מיטען טיטול "מר". דאס ווייזט אויס ווי איבערגעגעבען דער רבי איז געווען ביזען לעצטער מינוט.

יום י"ב, י"ג, י"ד, ט"ו און ט"ז איז בייגאכט געווען אסיפות, אמאל מיט דער רביצין. מענטשען קומען מנחם אבל זיין דעם רביצין, זי גיט ניט קיין טריט ניט ארויס פון איהר צימער.

מ'זוכט איבעראל פאר די צוואה אבער עס העלפט ניט. עס איז געווען אין דער צייטונג יעדער טאג פון וואך וועגן דער ארבעט פון רבי'ן אין אמעריקא זינט ער איז געקומען 10 יאהר צוריק. עס שטייט אויכעט אז אין ליזבאוויטשער שולעהן אין דער וואך פון שבעה זאל א חסיד דאווענען פאר דער עמוד, און נאך דאווענען זאל מען זאגען תהלים קפי' מ"ט, און דערנאך קדיש, דערנאך זאל מען לערנען משניות און יעדער טאג לערנען אביסעל פון דער מאמר וואס איז ארויס יו"ד שבט, און אויך משניות פון שמו קדשו. א גאנצער מעת לעת פון שבעה איז כסדר געווען א מנין וואס לערנען אין רבינ'ס צימער.

**שבת פרשת בשלח, י"ז שבט ה'תש"י**

שחרית דאוונט מען אין דעם רבין'ס צימער.

**זונטאג, ח"י שבט ה'תש"י**

דער גאנצער לעצטער וואך איז געהאלטען אין ספיקות אויב עס וועט זיין דער יערליכער וועג פון דער ישיבה אין "האטעל באלטימאר" אדער ניט. צום סוף איז ארויס אז אזוי ווי דער רבי האט געשריבען דעם דאנערשטיג פאר די הסתלקות א בריף צום דינער, און דער ישיבה איז געווען דעם רבינ'ס גרעסטער מוסד, איז ממילא וועט מען אנגייען מיט דער חגיגה. מ'האט געמאכט דער חגיגה ווי אלע יאהרען אבער אלע פארשטיין אז דאס איז געווען מיט א צובראכענער רוח. דער רש"ג האט ניט געוואלט גייען און עס האט גענומען צייט ביז וואנען מ'האט גע'פועל'ט ער זאל גייען. עס איז געקומען זייער א גרויסער עולם, און א סאך מענטשען האבן אפגערופען פאר "רעסערוואציי'ס". דער חגיגה איז פארגעקומען אים "האטעל באלטימאר" און אין דער "באלקאני" זיינען געזעסן די אלע בחורים. הרב שלמה העכט פון שיקאגא, וועלכע איז געווען א מאל א תלמיד פון אונזערע ישיבה האט געמאכט א דרשה אין עברית און ענגליש וואס האט גע'פועל'ט א וואונדערליכער איינדרוק אויף אלע מסובים. הרש"ג האט דער גאנצער צייט געזעסן מיט זיין קאפ אפ'ן הענט.

**כ"ד שבט ה'תש"י**

היינט איז שבת מברכים אדר. אין דער לעצטער וואך זיינען אין ערך פון זיבן אינגעלאך געבארען געווארען, אין וועלכער האבן א שם פון כבוד קדושתו.

ווי דער מנהג פון רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] איז צום יעדער שבת מברכים האט ער גערעט אויף דעם שבת[7]. מיט א צובראכענער הארץ גיט ער אונז צו פארשטיין אז אזוי ווי לעצטענס ביים רבי'ן האט זאך געהאלטען אין ריבוי ברכות און שאלות גם אחר ההסתלקות איז אבער בגשמיות

[7]) נדפס בשיחו"ק ח"א ע' 8.



דארפען מיר האבען אונזערע אייגענער רבי'ן בגשמיות, ניט נאר ברוחניות. און האט דערציילט וועגן ר' לוי יצחק בערדיטשעווער נ"ע - וועמען מען רעכענט אלס דער סניגור פון כלל ישראל - האט געזאגט אז בשעת ער וועט גייען למעלה וועט ער פועל זיין אויף ביאת המשיח. און דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] האט גערעט פון דער רבי אין דיגא אז בשעת די צדיקים קומען למעלה גיט מען זיי א צוקערעל אויף צו פארגעסן ענינים, אבער דער רבי וועט אונז ניט פארגעסן.

ער האט זייער געוויינט יעדער מאל ער האט דערמאנט וועגן רבי'ן, און דערציילט אז אין די לעצטע מאמר פון יו"ד שבט איז פאראן א סאך פלא'דיקער זאכן וואס קוקען אויס אז זיי האבען קיין שייכות ניט, אבער יעצט פארשטייט מען גאנץ גוט*.

נאך דער רמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] האט ר' שמואל גערעט אויף זיין אופן, וועגען דעם רבי'ן אז ער געדיינקט אז בשעת ההסתלקות פון רבי'ן נ"ע, האבן א פאר חסידים געוויינט און דער רבי האט זיי געזאגט אז עס וועט ניט זיין קיין אונטערשייד צווישן דעם רבי'ן און זיין טאטע. — (??)

אזוי ווי ביי משה שטייט אז ער ווערט צוגעגליכען צום שמש און יהושע ווערט צוגעגליכען לגבי משה רבינו צום לבנה, אז די וואס האבן ניט געזען משה האבן געטאראכט אז יהושע איז דער שמש, אבער די וואס האבען געזען משה האבן געזען דער אונטערשייד. אבער דער רבי און רבי'ן נ"ע איז ממש איין זאך, ביידע זיינען די בחינה פון שמש, און ווי אזוי דער רבי האט געזען דער יקירות פון יעדער איינציקער איד, ווי למשל ביי מר. גאלין האט דער רבי אויף איהם געזאגט "א געשמאקע איד".

*) כנראה הכוונה למ"ש באות ה' דבאתי לגני ה'תש"י, "אין אדם שליט לומר" וכו'. וראה גם באג"ק כ"ק אד"ש ח"ג ע' רמג. המר"ל.

**יום ל' שבט, פרייטאג עש"ק, יום א' דר"ח אדר ה'שי"ת**

לעצטער נאכט ווי יעדער נאכט פון שלושים זיינען די גאנצער נאכט בחורים אין בית המדרש און לערנען. איך האב געזעהן ווי ר' שמואל לייגט זאך האלב נאך 2 און שטעלט זאך אויף האלב נאך 6.

**יום ג' אדר, מאנטאג**

היינט איז געווען אן אסיפה ווייל דער רבי איז געבליבען א גרויסער בעל חוב, מ'רעכענט אז די חובות זיינען געווען פון 15 ביז 20 טויזענד דאלאר'ס. מ'האט געמאכט א גרויסער אסיפה פון אנ"ש און צוזאמען געקליבען איבער 10,000 דאלאר.

**ש"ק פ' תרומה, פרשת זכר ה'שי"ת**

הרמ"ש [כ"ק אד"ש מה"מ] דיבר[8] היום בהשמחה של העלי' של הת' משה קאזארנאווסקי. ער האט דערציילט ווי אין מאמר פון יו"ד שבט, ביי ר' יהודה וואס ער פלעגט טאנצען און ארויפווארפען הדסים, זאגט דער רבי דארטן ווי יעדער שטות דלסבא איז געווען שטות דקדושה און ווי ער האט געזען אז פון שער איש ואשה קען ווערן א בנין עדי עד, און דאס גייט אן ביי יעדער איינער אויב מ'בויעט עס אויף דער יסוד פון תורה, איז זאגט דער רבי אז עס וועט ווערן א בנין עדי עד, נצח סלה ועד. און דער גמרא זאגט אויף וואו עס שטייט נצח סלה ועד אז דאס וועט זיין לעולם ועד אהן קיין הפסק, איז אזוי אויך דא.

ער האט אויך גערעט ווי אלעמאל די פראגע וואס א איד פרעגט זאך: ביים דאווגען, איז ער נאר מיט מחשבות פון קדושה, אבער נאכן דאווגען, אין געשעפט, פירט ער זאך ניט ווי מ'דארף. מאנט חסידות פון איהם אז איבעראל זאל ער נוצען די כוחות וואס חסידות גיט איהם, און ווי

[8]) נדפס בשיחו"ק ח"א ע' 10 ואילך.



חסידות איז צוגעגליכען צו וואסער און תורה צו שפייז איבער דער גאנצער גוף.

דער רבי האט דערציילט א מעשה פון צוויי ברידער, איינער א חסיד און איינער א מתנגד, און אזוי ווי עס גייט, איז דער מתנגד געווען א גביר און געהאט בנים און דער חסיד א ארימאן און טעכטער. איז געקומען דער צייט צו חתונה מאכן זיינע טעכטער, איז דער חסיד געקומען צום מתנגד און געבעטן זיין הילף. האט דער מתנגד אים ערשט באוויזן זיין גרויסע הויז, און אים באוויזן אז דאס איז וואו ער שלאפט און דאס איז זיין חדר מיוחד, און דאס איז וואו ער עסט, און דא איז וואו ער איז מקבל אורחים, א.א.וו. דערנאך האט ער געפרעגט זיין ברודער וואס טראכט ער פון זיין שטוב. האט דער חסיד געענטפערט אז ער האט קיינמאהל ניט געוואוסט וואס א גרויסע איד יענער איז געווען. דו האסט פיזור הנפש, דא עסט דו, דא שלאפסט דו, און נאך דו טוסט מצות און מקיים דער תורה. איך אבער, וועלכער האט נאר צוויי צימערן קען ניט טאן דער מצוה[9].

ער האט דערציילט דער מעשה אקעגן דעם וואס מ'האט געזאגט אז דעם זון פון צמח צדק, נאך ווען דער רבי האט געהאט א נאמען, אז ער דאוונט ניט מיט א מנין נאר גייט אין שוהל צו הערען ברכו און חזרת הש"ץ און דערנאך דאוונט ער ביי זיך. האט ער געענטפערט אז בשעת ער דאוונט קלייבט ער צונויף אלע זיינע כוחות און דאוונט בציבור.

דער איינציגער שינוי ביי אונז איז ניט אז מיר האבן ניט דער רבי'ן, ווייל די וואס האבן געקענט דעם רבי אין זיינע דרייסיג יאר פון זיין נשיאות, ווייסט אז דער רבי וועט ניט לאזן זיינע חסידים מלחמה האלטען מיט עמלק אליין, (היום פ' זכר), נאר דער אונטערשייד איז אז פריער בשעת אימיצער פלעגט אריינגייען צום רבי'ן האט ער דערציילט

[9]) אולי בלשון תמיהה, וראה שם ע' 11. המו"ל.